15 דיק און פאַרקויפט אונטער דער זינד׃ וואָרום
איך ווייס נישט וואָס, איך טו; ווייל איך טו נישט דאָס,
וואָס איך וויל, נאָר וואָס איך האָס, דאָס טו איך׃
16 און אויב איך טו דאָס, וואָס איך וויל נישט, בין
17 איך מודה, אַז די תורה איז גוט׃ און איצט בין איך
עס מער נישט, וואָס טוט דאָס, נאָר די זינד, וואָס
18 וואוינט אין מיר׃ וואָרום איך ווייס, אַז אין מיר,
דאָס הייסט אין מיין פלייש, וואוינט נישט קיין"שום
גוטס; ווייל בײַ מיר איז פאַראַן דער רצון, אָבער
19 דאָס ווירקן דאָס גוטע—נישט׃ וואָרום דאָס גוטע,
וואָס איך וויל, טו איך נישט; נאָר דאָס שלעכטע,
20 וואָס איך וויל נישט, דאָס טו איך יאָ׃ אָבער אויב
איך טו דאָס, וואָס איך וויל נישט, ווירק איך עס
נישט מער, נאָר די זינד, וואָס וואוינט אין מיר׃
21 אַזוי אַרום געפין איך דאָס געזעץ, ווען איך וויל
טון דאָס גוטע, אַז דאָס שלעכטע איז בײַ מיר׃
22 וואָרום לויט מיין אינערלעכן מענטשן פריי איך
23 מיך מיט דער תורה פון ג־ט; איך זע אָבער אין מיינע
אברים אַן אַנדער געזעץ, וואָס האַלט מלחמה מיט
דעם געזעץ פון מיין פאַרשטאַנד, וואָס נעמט מיך
געפאַנגען צום געזעץ פון זינד, וואָס איז אין מיינע
24 אברים׃ אָ, איך עלנטער מענטש! ווער וועט מיך
25 באַפרייען פונם "גוף" פון דעם דאָזיקן טויט? געלויבט
זיי ג־ט, דורך ישוע דעם משיח אונזער האַר. אַזוי
אַרום דין איך אַליין מיטן פאַרשטאַנד די תורה פון
ג־ט, אָבער מיטן "גוף" דעם געזעץ פון זינד׃